בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלְיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון מ"ד

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת יתרו שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

מִיטְוואָךְ פָּרָשַׁת נָשֹׂא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן

• לָאנְדָאנֶע סָאלְדַאטְן

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, מִיטְוואָךְ פָּרָשַׁת נָשֹׂא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן.**

### זַיין צַייטְלִיךְ אִין כִּתָּה!

אִיךְ ווִיל נָאכְאַמָאל רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְּדִים, אוּן וָואס אִיךְ זָאג פַאר מְלַמְּדִים מֵיין אִיךְ אוֹיךְ דִי לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵּיגָא.

מֶען דַארְף זַיין צַייטְלִיךְ אִין כִּתָּה!

צַייטְלִיךְ מֵיינְט - פִינְף מִינוּט פַאר מֶען דַארְף זַיין אִין כִּתָּה דַארְף מֶען שׁוֹין זַיין אִין כִּתָּה. אוֹיבּ דֶער צַייט צוּ זַיין אִין כִּתָּה אִיז 'נַיין אַזֵייגֶער' - דַארְף מֶען שׁוֹין זַיין 'פִינְף צוּ נַיין' אִין כִּתָּה, אוּן אוֹיבּ דֶער צַייט צוּ זַיין אִין כִּתָּה אִיז 'אֵיינְס דְרֵייסִיג' - דַארְף מֶען שׁוֹין זַיין 'אֵיינְס פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג' אִין כִּתָּה.

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין שְׁפִּיל צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין שְׁפִּיל צוּ זַיין אַ לֶערֶערִין; אַז מֶען הָאט דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר קִינְדֶער ווֶעסְטוּ זַיין צַייטְלִיךְ. אוֹיבּ אַ לֶערֶערִין זֶעט אַז זִי קֶען נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ, זָאל זִי זָאגְן פַאר דִי מְנַהֶלֶת אַז זִי קֶען נִישְׁט מֶער, מֶען ווֶעט עֶנְדֶערְשׁ אוֹיפְנֶעמֶען מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען נָאכְנִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אוּן דִי ווַייבְּלֶעךְ וָואס קֶענֶען נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ ווֶעלְן בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

ווֶער עֶס ווִיל זַיין אַ לֶערֶערִין, ווֶער עֶס ווִיל זַיין אַ סֶעקְרֶעטַארִין, ווֶער עֶס ווִיל הָאבְּן דִי שֵׁיינֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער, מוּז מֶען זַיין צַייטְלִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער שְׁפִּיל צוּ לָאזְן קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֵר.

בַּיי רִיסֶעס אוֹיבּ דִי לֶערֶערִין דַארְף גֵיין צוּ אִיר בֶּעבִּי, קֶען עֶס נִישְׁט ווֶערְן פַארְשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי צַייט פוּן הַפְסָקָה, מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶער אַלֵיינְס, מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן קִינְדֶער אָן גָארְנִישְׁט.

קֵיינֶער מוּז נִישְׁט דָא אַרְבֶּעטְן, אִיךְ ווֶעל זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן, אִין עֶנְגְלִישׁ אִיז דָא אַן אוֹיסְדְרוּק: "**יֶעדֶער אִיז רִיפְּלֶעיְסֶעבְּל**", דָאס מֵיינְט אַ מוֹסָד ווֶעט זִיךְ נִישְׁט צוּמַאכְן אֲפִילוּ ווֶען סַיי ווֶער גֵייט אַרוֹיס, אַז דֶער מְלַמֵּד צִיט זִיךְ אַרוֹיס אִין שְׁטֶעטְל, ווֶעט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן, אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מְנַהֵל גֵייט אַרוֹיס, ווֶעט זִיךְ דִי מוֹסָד אוֹיךְ נִישְׁט פַארְמַאכְן, דֶער מוֹסָד פַארְמַאכְט זִיךְ נִישְׁט בִּיז מָשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען!

סְתָּם זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן זִיךְ פִילְן גוּט **"אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ!"** אוּן נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ אָדֶער זַיין אַ לֶערֶערִין אוּן זִיךְ פִילְן גוּט **"אִיךְ בִּין אַ לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵּיגָא!"** אוּן נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ - אִיז אַן עַוְלָה.

### אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער

דִי סֶעקְרֶעטֶערִי פוּן שְׁטֶעטְל שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶער עֶרְשֵׁיינוּנְג אַז לֶערֶערִינְס זָאלְן קוּמֶען צוּ אִיר בֶּעטְן: **"אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, גֶעבּ מִיר וָואס צוּ טוּן".**

וָואס הֵייסְט **"אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער"?!** פַארְוָואס בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען אִין שׁוּלֶע?! אַ לֶערֶערִין דַארְף שׁוֹין זַיין צוּגֶעגְרֵייט אָנְהֵייבּ וָואךְ וָואס אִיךְ גֵיי טוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, אוּן וָואס אִיז מַיין פְּלַאן צוּ טוּן בִּיז סוֹף זוּמֶער, וָואס דַארְף אִיךְ נָאךְ עֶנְדִיגְן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער, ווִיפִיל אַלֶף בֵּית, נַ"ךְ, הֲלָכוֹת, מִידוֹת, לֶערְנֶען פִּרְקֵי אָבוֹת, גֶעבְּן שִׂיחוֹת, אוּן דֶערְצֵיילוּנְגֶען פוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִילוֹת.

אַז אַ לֶערֶערִין זֶעט אַז זִי הָאט נֶעכְטְן גֶעהַאט אַ חֲתוּנָה אוּן מָארְגְן הָאט זִי אוֹיךְ אַ חֲתוּנָה, אוּן זִי הָאט נִישְׁט קֵיין צַייט זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, קֶען זִי נִישְׁט לְכָבוֹד דֶעם בַּאשְׁלִיסְן צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אִין פַּארְק...

פַּארְק אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער שִׁיק אִיךְ זֵיי אִין פַּארְק; פַּארְק אִיז אוֹיךְ אַ לִימוּד, פַּארְק אִיז אוֹיךְ אַזוֹי ווִי לֶערְנֶען, מֶען דַארְף זֶען צִי דָאס קוּמְט זִיךְ יֶעצְט פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן צִי דָאס אִיז יֶעצְט גֶעזוּנְט פַאר דִי קִינְדֶער.

קִינְדֶער שְׁפִּירְן גְלַייךְ אוֹיבּ זַיין מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין הָאט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן אָדֶער עֶר זוּכְט מִיט וָואס צוּ פַארְשְׁווֶענְדְן דִי צַייט.

### "וָואס אִיז 'מַיין' אַרְבֶּעט?!"

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע

אַחְרַיוּת צוּ זַיין אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין. מֶען הַאלְט יֶעצְט סוֹף יָאר, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְּרֵייעֶן צוּ הָאבְּן אַלֶע לֶערֶערִינְס אוֹיף קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אַלֶע לֶערֶערִינְס, אָבֶער פוּן דִי זְמַנִים בִּין אִיךְ נִישְׁט צוּפְרִידְן, מֶען דַארְף זַיין צַייטְלִיךְ.

אַ טִיטְשֶׁער פְּרֶעגְט, **״פַּארְוָואס דַארְף אִיךְ קוּמֶען צַייטְלִיךְ, דִי מְנַהֶלֶת אִיז אוֹיךְ נִישְׁט צַייטְלִיךְ, אוּן דִי סֶעקְרֶעטֶערִי אִיז אוֹיךְ נִישְׁט צַייטְלִיךְ...״** - דָאס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן אֵיינְס מִיטְ'ן צְוֵויטְן, אַז מֶען ווִיל מוּז מֶען בִּכְלַל נִישְׁט קוּמֶען, אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט וַוארְפְן דֶעם שׁוּלְד אוֹיפְ'ן אַנְדֶערְן, וָואס הָאט מַיין קוּמֶען צַייטְלִיךְ מִיט יֶענֶעמְ'ס קוּמֶען צַייטְלִיךְ?! אַז מֶען קוּמְט שְׁפֶּעט מִיט תֵּירוּצִים קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קַיין לֶערֶערִין, קִינְדֶער הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג תֵּירוּצִים, **״וֶועגְן דָאס אוּן וֶועגְן יֶענְץ״**.

אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְף ווִיסְן: **״וָואס אִיז 'מַיין' אַרְבֶּעט?!״** - אַפִילוּ קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קוּמֶען דַארְף אִיךְ ווִיסְן וָואס מַיין אַרְבֶּעט אִיז, דָאס זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ גֵיי מִיט זֵיי לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ גֵיי אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי וַוארֶעמְקֵייט, אִיךְ גֵיי זֵיי נָאכְאַמָאל אוֹיפְבּוֹיעֶן, אִיךְ גֵיי זֵיי זָאגְן: **״דוּ בִּיסְט יָא גוּט״**, אוּן אַז אִיךְ בִּין אַ צוּזַאמְגֶענוּמֶענֶע מֶענְטְשׁ אוּן אִיךְ הָאבּ אֵיינֶע פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים אָדֶער תַּלְמִידוֹת וָואס זֶענֶען צוּפְלוֹיגְן, וֶועל אִיךְ ווִיסְן אַז מֶען קֶען זַיין זֵייעֶר אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מֶענְטְשׁ אַפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט דִי נַאטוּר פוּן זַיין מוֹרָא'דִיג צוּזַאמְגֶענוּמֶען.

## לָאנְדָאנֶע סָאלְדַאטְן

מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק שְׁטֶעלְן קִינְדֶער אַז יֶעדֶער אֵיינֶער מוּז זַיין אַזוֹי ווִי דִי סָאלְדַאטְן.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט צִי אִיר זֶענְט שׁוֹין אַמָאל גֶעוֶוען אִין לָאנְדָאן קוּקְן דִי סָאלְדַאטְן, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס פָּארְן קוּקְן סְפֶּעצִיעֶל אַהִין כְּדֵי צוּ קֶענֶען זֶען דִי סָאלְדַאטְן, מֶען זֶעט ווִי מֶען פְּרוּבִּירְט זֵיי צוּ מַאכְן לַאכְן, מֶען נֶעמְט אַ פָאדֶעם פוּן דִי צִיצִית, מֶען שְׁטֶעקְט עֶס אַרַיין אִין דִי נָאז... אוּן זֵיי בְּלַייבְּן שְׁטֵיין גְרָאד, זֵיי רִירְן זִיךְ נִישְׁט פוּן אָרְט.

מִיר הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסָד, דִי חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע, צוּ מַאכְן קִינְדֶער אַזוֹי ווִי לָאנְדָאנֶע סָאלְדַאטְן, יֶעדֶער זָאל זַיין דִי זֶעלְבֶּע, דִי זֶעלְבֶּע צַייטְלִיךְ, דִי זֶעלְבֶּע צוּזַאמְגֶענוּמֶען, אַז עֶר טוּט דָאס אוּן עֶר טוּט אַנְדֶערְשׁ, אִיז וָואס? דֶער עִיקָר אִיז אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, אַלֶע זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ.

## אַ קִינְדְ'ס מֹחַ

אִיךְ גֵיי רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דוּ ווֵייסְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין אַ קִינְדְ'ס מֹחַ?! קִינְדֶער זֶענֶען פִיל מִיט פְּחָדִים, עֶר טְרַאכְט פוּן הִינְט, פוּן חַיוֹת, פוּן פְלִיגְן, עֶר וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אִינְמִיטְן דִי נַאכְט פוּן שְׁרֶעק, עֶר טְרַאכְט וָואס גֵייט זַיין... אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס דֶער מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין רֶעדְט צוּ אִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט צוּ אִים פוּן אֱמוּנָה, לֶעשְׁט מֶען אוֹיס דִי פְלַאמֶען, מֶען גִיסְט וַואסֶער אוֹיפְ'ן פֵייעֶר, מֶען זָאגְט אִים: **״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא״, ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט״, דָאס בַּארוּאִיגְט דֶעם קִינְד פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּחָדִים.**

## דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים

אוֹיךְ אִיז כְּדַאי צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, מַעֲשִׂיוֹת פוּן אַלֶע צַדִיקִים; דָאס הֵיילְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ.

דֶער רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער הָאט זִיךְ אַמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט גוּט, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעקוּמֶען צוּ אִיר, דֶער רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט: **״אַז מֶען דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט מֶען גֶעזוּנְט״**, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק.

'גֶעזוּנְט' מֵיינְט אִין אַלֶע עִנְיָנִים, סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז לֹא עָלֵינוּ קְרַאנְק, אוּן סֵיי בְּרוּחָנִיוּת, אַז עֶס גֵייט אַרַיין אִין אַ קִינְדְ'ס קָאפּ אַ שְׁלֶעכְטֶע רוּחַ, זִי ווִיל זִיךְ אָנְטוּן נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג, - וָואס קֶען מֶען טוּן דֶערְצוּ? - מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, דָאס וֶועט אִיר אוֹיסְהֵיילְן.

## וָואס אִיז שֵׁיין?

בְּעֶצֶם אִיז דָאךְ נִישְׁטָא קַיין שֶׁענֶערֶע זַאךְ פוּן צְנִיעוּת, נָאר אַזוֹי ווִי מִיר זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן גוֹיִים אִיז דָאס דִי גָלוּת, אַז מֶען הֵייבְּט אָן לִיבּ הָאבְּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, אִיז ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיסְהֵיילְן דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט פִילְן אַז 'אִיךְ בִּין גֶעצְווִינְגֶען פוּן סְקוּל צוּ גֵיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי הָאר'? אַז מֶען דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, אוּן מֶען רֶעדְט פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען, שֵׁיין אוּן אֵיידְל.

אִיךְ זָאג פַאר דִי בָּחוּרִים: דוּ הָאסְט לִיבּ אַ טְשׁוּפּ? דוּ הָאסְט לִיבּ גֶעדְרֵייטֶע הָאר? -- זָאלְסְטוּ ווֵיינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין נִישְׁט מְסוּדָר״**, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶס גֶעוֶוען שֵׁיין וָואלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אִין דִי תּוֹרָה אַז אַזוֹי דַארְף יֶעדֶער אִיד אוֹיסְקוּקְן, אָבֶער אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט גֶעדְרֵייטֶע הָאר, מוּז זַיין אַז דָאס אִיז נִישְׁט שֵׁיין, עֶס מוּז זַיין אַז פֵּיאוֹת אִיז שֵׁיין אוּן אַ בָּארְד אִיז שֵׁיין, אֵיי פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ עֶס נִישְׁט לִיבּ? מוּז זַיין אַז עֶפֶּעס גֵייט פָאר מִיט מִיךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פַּארְוָואס מוּז אִיךְ פִילְן יֶעדֶע זַאךְ ווִי אִיךְ מוּז, אִיךְ בִּין גֶעצְווִינְגֶען, אִיךְ בִּין אִין תְּפִיסָה, יֶעצְט 'מוּז' אִיךְ פַארלֶענגֶערְן מַיין קְלֵייד, יֶעצְט 'מוּז' אִיךְ הִיטְן שַׁבָּת, פַּארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט פִילְן אַז אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ זַיין אַ אִיד?!״**

מֶען דַארְף דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פַאר דִי קִינְדֶער, אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען ווִי שֵׁיין אַ אִיד אִיז.

דֶער זָאל אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי עֶנְק, אָמֵן.

## ווִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז מַיין אַרְבֶּעט מִיט דִי בָּחוּרִים זָאל נִישְׁט גֵיין לְאִבּוּד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מַגִיד שִׁיעוּר אִין אַ יְשִׁיבָה קְטַנָּה דִי צְוֵוייטֶע כִּתָּה, אוּן אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ מִיט דִי בָּחוּרִים, בַּיי מִיר אִיז נִישְׁט דָא אַ זַאךְ אַז אַ בָּחוּר פָּאלְגְט נִישְׁט, דִי בָּחוּרִים וֵוייסְן אַז בַּיי מִיר אִיז נִישְׁטָא קַיין חָכְמוֹת, יֶעדֶער שְׁטֵייט אוֹיף פַּארְטָאגְס אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּ צוּ דִי זְמַנֵּי הַלִּימוּד, אוּן מֶען קוּמְט אָן זֵייעֶר אַסַאךְ יֶעדֶע זְמַן.

פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען מִיר שֻׁלְחָן עָרוּךְ, פַּארְמִיטָאג לֶערְנֶען מִיר גְמָרָא בְּעִיוּן, נָאכְמִיטָאג לֶערְנְט מֶען שִׁיעוּר פָּשׁוּט, אוּן בַּיים נַאכְט סֵדֶר לֶערְנְט מֶען סִפְרֵי חֲסִידוּת.

וָואס עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ אִיז אַז וֶוען דִי בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרַיין אִין יְשִׁיבָה גְּדוֹלָה, וָואס דָארְט אִיז נִישְׁטָא אַזַא שְׁטְרֶענְגֶע מִסְגֶּרֶת, וֶוערְן זֵיי נָאכְגֶעלָאזְט, אוּן נָאכְדֶעם פַאלְן זֵיי אַרָאפּ אוּן מַיין גַאנְצֶע אַרְבֶּעט גֵייט לְאִבּוּד. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַּארְוָואס דִי הַיינְטִיגֶע יְשִׁיבוֹת זֶענֶען אַזוֹי נָאכְגֶעלָאזְט, אוּן פַּארְוָואס אַזוֹי סַאךְ בָּחוּרִים פַאלְן אַוֶועק, אֶפְשָׁר אַז אִיר רֶעדְט אַסַאךְ צוּ בָּחוּרִים וֵוייסְט אִיר דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הָרַב ... שְׁלִיטָ"א.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

רֶעדְט צוּ אַייעֶרֶע תַּלְמִידִים פוּן זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן וֶועט אִיר נִישְׁט וֶוערְן אַנְטוֹישְׁט; אַז מֶען לֵייגְט אַ דָגוּשׁ אוֹיף זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט ווִיכְטִיג אוּן עֶס וֶועט סֵיי ווִי נִישְׁט אָנְהַאלְטְן – אִיז אַ שָׁאד דִי אַרְבֶּעט.

לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ אָנְטוּן תְּפִילִין אוּן אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ הִיטְן שַׁבָּת, וֶועלְן זֵיי זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן לֵייגְן תְּפִילִין אוּן הִיטְן שַׁבָּת.

אַז מֶען לֵייגְט אַ דָגוּשׁ אוֹיף עֶסְן מִיט אַ הוּט, אָדֶער גֵיין אַ גַאנְצְן טָאג מִיט אַ גַארְטְל וְכַדוֹמֶה לָזֶה – כָּל זְמַן דִי בָּחוּרִים זֶענֶען יוּנְג פָּאלְגְן זֵיי, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט פוּן דֶעם קַיין שְׁפִּיר.

אִיךְ מִישׁ זִיךְ נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיר זָאלְט מְחַנֵּךְ זַיין אַייעֶרֶע תַּלְמִידִים, יֶעדֶע פְּלַאץ הָאט זִיךְ זֵייעֶרֶע מִנְהָגִים, אַלֶע מִנְהָגִים זֶענֶען חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן פוּן טָפֵל עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר טָפֵל; דֶער עִיקָר דַארְף בְּלַייבְּן עִיקָר, דֶער עִיקָר אִיז רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טָאג אוּן נַאכְט דַארְפְן מְלַמְדִים אוּן מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, פָּשׁוּט'עֶ אֱמוּנָה, אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן אָן קַיין תּוֹרוֹת; אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי תַּלְמִידִים אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַחְשִׁיב זַיין יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה וָואס מֶען טוּט. וֶועט אִיר זֶען אַז נִישְׁט נָאר זֵיי וֶועלְן נִישְׁט פַאלְן, זֵיי וֶועלְן גֵיין נָאר מַעֲלָה מַעֲלָה אוּן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

בַּיינַאכְט וֶוען אִיר לֶערְנְט מִיט זֵיי סִפְרֵי חֲסִידוּת זָאלְט אִיר זֵיי דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר', צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ בָּחוּרִים אַסַאךְ חִיזוּק; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "פַאר יֶעדֶע לֶעפְל מוּסָר וָואס מֶען זָאגְט, דַארְף מֶען גֶעבְּן אַ גַאנְצֶע שִׁיסְל הִתְחַזְּקוּת"; נָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "הִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט פוּן מוּסָר הַאלְט נִישְׁט אָן צוּ לַאנְג, ווִידֶער הִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַ חִיזוּק שְׁמוּעֶס – דָאס הַאלְט אָן אַ לַאנְגֶע צַייט"; וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ תַּלְמִידִים, מֶען גֶעבְּט זֵיי מוּסָר – דַארְף מֶען זֵיי אַסַאךְ מְחַזֵּק זַיין, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט זֵיי, דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי נִישְׁט פַאלְן, זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת ויצא תשפ"א)

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָּאלְגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט צְוֵויי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, אָבֶער אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט'ן עֶלְטֶערְן פִיר יֶערִיג קִינְד וָואס הֶערְט נִישְׁט וָואס מֶען

רֶעדְט צוּ אִיר, זִי פָאלְגְט נִישְׁט מִיךְ אוּן נִישְׁט מַיין מַאן.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע סָארְט וֶועגְן, אָבֶער גָארְנִישְׁט אַרְבֶּעט נִישְׁט מִיט אִיר. מִיר הַאלְטְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, זִי בַּאקוּמְט נִישְׁט אַלֶעס וָואס זִי פַארְלַאנְגְט, אוּן דָאס הָאט זִי זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אָנְצוּנֶעמֶען, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ טוּן זַאכְן וָואס מֶען הֵייסְט אִיר, צוּם בֵּיישְׁפִּיל צוּ אָנְטוּן נַאכְט קְלֵיידֶער, נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי בֶּעבִּי, אוּן דָאס גְלַייכְן, דַאן אִיז מַמָשׁ נִישְׁטָא צוּ וֶועמֶען צוּ רֶעדְן. זִי וֶוערְט אַזוֹי אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן ווִילְד, זִי צֶעבְּרֶעכְט אוּן גִיסְט אוֹיס זַאכְן, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען אִיר אָפְּשְׁטֶעלְן אִיז נָאר אַ פַּאטְשׁ.

מִיר וֵוייסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָבֶער מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַן אַנְדֶערֶע וֶועג. צוּ גֵיין צוּ חִינוּךְ קְלַאסְן אָדֶער טֶערֶעפִּי פַּארְ'ן קִינְד, וֵוייסְן מִיר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט נִישְׁט דֶערְפוּן. בִּיטֶע הֶעלְפְט אוּנְז אַרוֹיס מִיט דֶעם וַוייל מִיר הַאלְטְן עֶס שׁוֹין מִיר נִישְׁט אוֹיס, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אִיר מַאכְן פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער, אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד אוּן נִישְׁט פָאלְגֶעדִיג; קִינְדֶער וֶוערְן אַזוֹי גֶעבּוֹירְן. עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב יא, יב): "וְעַיִר פֶּרֶא אָדָם יִוָּלֵד", אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת וִוי אַן אֵייזְל אָן שֵׂכֶל; מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן דִי מִידוֹת. דִי אַרְבֶּעט פוּן עֶלְטֶערְן אִיז צוּ הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן קֶענֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן.

וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען גָאר יוּנְג אִיז דִי צַייט אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן זֵייעֶרֶע נַאטוּרְן, זֵיי זָאלְן פָאלְגְן; קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אוֹיסְצוּפִירְן אוּן נִישְׁט פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן. עֶלְטֶערְן דַארְפְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן שְׁטַארְקֶע לִינְיֶעס כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן פָאלְגְן, מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע מִיטְלֶען צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי עַקְשָׁנוּת פוּן דִי קִינְדֶער, אוֹיבּ דַארְף דָאס גֵיין מִיט אַ פֶּעטְשׁל, גֶעבְּט מֶען אַ פֶּעטְשְׁל, בִּיז דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען זִיךְ אוֹיס צוּ פָאלְגְן.

דִי אַרְבֶּעט אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער אָבֶער שְׁפֶּעטֶער צָאלְט עֶס זִיךְ אוֹיס, אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת אִין חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, אַז מֶען הֶעלְפְט דִי קִינְדֶער אוֹיסְבֵּייגְן דִי שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן הָאט מֶען שְׁפֶּעטֶער אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי; זֵיי וַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן אוּן גֵייעֶן אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט נָאךְ דִי קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי טוּן וָואס זֵיי ווִילְן, מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען נִישְׁט קַיין בַּאלִיבְּטֶע טַאטֶע מַאמֶע. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ", עֶלְטֶערְן וָואס מוּסָרְ'ן נִישְׁט דִי קִינְדֶער דִי הָאבְּן פַיינְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, "וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", ווִידֶערְאוּם עֶלְטֶערְן וָואס מוּסָרְ'ן דִי קִינְדֶער - דִי הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שְׁמוֹת רַבָּה א, א) וֶוען עֶלְטֶערְן הֶערְן אַז אֵיינֶער הָאט גֶעשְׁלָאגְן זֵייעֶר קִינְד וֶועלְן זֵיי דָאךְ זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין יֶענֶעם, וִוי קֶען דֶער פָּסוּק זָאגְן אַז דִי עֶלְטֶערְן וָואס שְׁלָאגְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער הָאבְּן פַיינְט דִי קִינְדֶער? "לְלַמֶּדְךָ, שֶׁכָּל הַמּוֹנֵעַ בְּנוֹ מִן הַמַּרְדּוּת סוֹף בָּא לְתַרְבּוּת רָעָה וְשׂוֹנְאֵהוּ", וַוייל דִי עֶלְטֶערְן וָואס מוּסָרְ'ן נִישְׁט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן דִי קִינְדֶער אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, זֵיי וֶועלְן אָפְּלָאזְן דִי אִידִישֶׁע וֶועג.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין טָאג; קִינְדֶער טוֹישְׁן זִיךְ נִישְׁט אִין אֵיין טָאג, מֶען דַארְף אַקֶערְן אוּן זֵייעֶן בִּיז מֶען שְׁנַיידְט דִי פֵּירוֹת אָבֶער אַז מֶען הָאט גֶעדוּלְד זֶעט מֶען אַסַאךְ נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

(עצתו אמונה פרשת כי תבא תש"פ)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / -444-9169'212
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876